# שִׂיחוֹת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פרשת כי תבא שנת תשפ"א לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

# שיחות וסיפורים

## מלמדים

קסז) דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט פאר א מלמד: "דו רעד צו די קינדער פון אמונה, יראת שמים, קדושה, וועט שוין אויך עפעס אריינגיין אין דיר".

## איך האב 'ליב'...

קסח) דער ראש ישיבה שליט"א האט געהערט ווי א בחור האט זיך אויסגעדריקט "איך האב 'ליב' דער סארט עסנווארג", האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "דערווארט 'ליב' איז זייער א טייערער ווארט, עס איז צי טייער דאס צו ניצן אויף עסן, 'ליב' איז א ווארט וואס מען ניצט אויף די תורה; מען זאגט: "איך האב 'ליב' די הייליגע תורה", "איך האב 'ליב' דעם אייבערשטן", "איך האב 'ליב' צדיקים", "איך האב 'ליב' צו טון מצוות, אזוי אויך נאך די חתונה זאגט מען דאס אין שטוב, מען זאגט נישט דער ווארט 'ליב' אויף עסן".

אזוי אויך איז אמאל געווארן א שיינע שיחה ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט געהערט ווי איינער זאגט פאר'ן חבר "וואס מאכסטו מיין הייליגער חבר", דער ראש ישיבה האט דאס זייער פארדראסן. דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "דאס איז ליצנות, דאס ווייזט אז די ווארט וואס מיר ניצן צו באטיטלען דעם אייבערשטן 'אתה קדוש ושמך קדוש', און די ווארט וואס מיר ניצן אויף די הייליגע צדיקים ווערט א וויץ עס מיינט גארנישט", דער ראש ישיבה שליט"א איז געווארן זייער צוקאכט, דער ראש ישיבה האט געזאגט: "מען קען רופן א חבר "מיין טייערער חבר", "מיין

טייערער ברידער"; אבער "הייליגע חבר" איז ליצנות, דאס ניצט מען נאר ווען מען רעדט פון הייליגע צדיקים".

אגב, דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אלץ פאר די מלמדים ווען זיי לערנען מיט די קינדער זאלן זיי מקפיד זיין זאגן "זאגט די 'הייליגע' גמרא", "זאגט די 'הייליגע' רש"י", "זאגט די 'הייליגע' חומש, "יעדער עפענט די הייליגע סידור", אזוי גייט אריין אין די קינדער יראת שמים.

## תיקוני הזוהר

קסט) דער ראש ישיבה שליט"א איז געזעסן אין א פרייטאג צונאכט'ס נאכ'ן דאווענען און געלערנט תיקוני הזוהר פאר א לענגערע צייט, אינמיטן לערנען האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אנגערופן צו א אינגערמאן וואס איז געזעסן דערנעבן: "איך קען זיך נישט אפרייסן פון דעם הייליג'ן ספר תיקוני הזוהר".

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א צוגעלייגט: "דער רבי זאגט: מען זאל צאמנעמען אלע פארמעט פון דער גאנצער וועלט, וועט מען נישט קענען אפשרייבן די חכמה און סודות התורה וואס ליגט אין ספר תיקוני הזוהר; אפילו מען פארשטייט נישט - ווען מען לערנט תיקוני הזוהר שפירט דער מענטש ווי עפעס צינדט זיך אן אינעווייניג".

## א גוטע וואך - א בלאט גמרא

קע) דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: "איך האב געהערט פון אן אייניקל פון ר' שלום פאגעל ז"ל - דער גבאי פון בעלז'ער רב - זיין זיידע דערציילט אז ביים הייליגן בעלזא רב ווען מען

פלעגט קומען זאגן "א גוטע וואך" פלעגט ער זאגן: "א גוטע וואך - איז לערנען א בלאט גמרא". דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט אפט די מעשה מוצאי שבת נאכ'ן זמן, ביים שיעור גמרא כדי אריין צו ברענגען אין אונז א חשק צו לערנען.

## שידוך

קעא) א בחור פון ישיבה איז אמאל געקומען מיט א געוויין צום ראש ישיבה שליט"א, 'איך זאג שוין איבער פערציג טעג אין א צי 'קרבנות הנשיאים' און איך בין נאכנישט געהאלפן געווארן מיט א שידוך'. האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "איך האב געהאט א בחור אין ישיבה וואס האט געזאגט יעדן טאג 'קרבנות הנשיאים', מיט אלע תפילות וואס מוהרא"ש האט אריינגעלייגט אינעם קונטרס 'מציאת הזיווג' פאר מער פון טויזנט טעג! און ער האט נישט געהאט קיין קושיות אויפ'ן אייבערשטן, ער האט נישט געהאט קיין תרעומת אויפ'ן אייבערשטן: 'פארוואס איז מיין שידוך נאכנישט אנגעקומען'?... אזוי דארף מען טון סגולות פון די הייליגע צדיקים, נישט ווערן אנטוישט ווען מען באקומט נישט די זאך".

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: "ווען א מענטש בעט דעם אייבערשטן טאר ער נישט אריינגיין אין א לחץ - אין דרוק: "וואו איז מיין שידוך? וואו איז מיין שידוך, נו איךווארט שוין אזוי לאנג?!" וכו' וכו', נאר בעטן מיט רחמנות, בעטן מיט געדולד ביז מען באקומט די ישועה".

דער ראש ישיבה האט דערציילט די מעשה וואס שטייט אין מדרש: עס איז געווען א מענטש וואס איז געגאנגען א ווייטע וועג אין מדבר, האט ער אנגעהויבן וויינען צום אייבערשטן: "באשעפער איך דארף אן אייזל, באשעפער אן אייזל"... עטליכע מינוט שפעטער איז

דורכגעגאנגען אן אראבער און אים געזאגט: "נעם דא מיין טויטן אייזל, שלעפ דאס צו מיר אהיים, אז נישט וועל איך דיר הרג'נען"... זאגט דער ראש ישיבה שליט"א: "אז דו וועסט בעטן דעם אייבערשטן מיט אן אנגעצויגנקייט און ברוגז אויפ'ן אייבערשטן, קען זיין דער אייבערשטער וועט דיר געבן א נישט גוטע שידוך, 'און אז מען פאלט אריין מיט א שלעכטע פרוי איז גאר ביטער, ערגער פון טויט', אבער אז מען בעט דעם אייבערשטן מיט סבלנות און מען ווארט אויס די ישועה וועט דיר דער אייבערשטער געבן א גוטע און וואוילע שידוך".

און דער ראש ישיבה שליט"א האט צוגעלייגט: "מען טאר נישט אפלאזן דעם אייבערשטן. פערציג טעג זאלסטו זאגן 'קרבנות הנשיאים' דו זאלסט טרעפן דיין שידוך, דערנאך זאלסטו זאגן פערציג טעג 'קרבנות הנשיאים' דו זאלסט טרעפן א 'גוטע' שידוך, דערנאך זאלסטו זאגן פערציג טעג 'קרבנות הנשיאים' דו זאלסט טרעפן א 'וואוילע' שידוך, דערנאך זאלסטו זאגן פערציג טעג 'קרבנות הנשיאים' דו זאלסט טרעפן א 'זיסע' שידוך, דערנאך זאלסטו זאגן פערציג טעג 'קרבנות הנשיאים' דו זאלסט טרעפן א 'האניג'דיגע' שידוך, און א 'צוקער'דיגע' שידוך, ביז דער אייבערשטער וועט דיר העלפן און דו וועסט זוכה זיין צו טרעפן דיין שידוך און אויפשטעלן א שיינע שטוב".

## איבערגעלאזט די וועלט

קעב) דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: איינער איז אמאל צוגעקומען צו א ברסלב'ער חסיד, וואס לעבט מיט די עצות פון רבי'ן, מיט תכלית וכו', און אים געפרעגט: "דו האסט געהערט ווער איז אוועק פון די וועלט? דער גרויסער עושר, ער האט איבערגעלאזט שווערע מיליאנען..." האט אים דער ברסלב'ער

חסיד צוריק געזאגט: "איך קען אויך איינעם וואס איז אוועק פון די וועלט, און האט איבערגעלאזט 'די גאנצע וועלט'..." מיינענדיג ארויסצובערענגען דערמיט, 'וואס האט מען פון דעם וואס ער האט איבערגעלאזט אסאך געלט? ווען א מענטש גייט אוועק פון דער וועלט לאזט ער איבער די גאנצע וועלט און קערט זיך צוריק צום אייבערשטן. די געלט וואס ער האט אוועקגעלייגט זיין גאנץ לעבן קען אים בכלל נישט העלפן, נאר די תורה וואס ער האט געלערנט, די תפילות וואס ער האט געדאווענט און די מצוות וואס ער האט געטון ביים לעבן - דאס קומט אים צוניץ אויף יענער וועלט.

## התבודדות

קעג) דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אויסגעדריקט איבער די מתנה פון התבודדות וואס מיר האבן באקומען פון הייליגן רבי'ן, צו רעדן מיט'ן אייבערשטן און דורכשמועסן יעדע קלייניגקייט: "איך ווייס נישט ווי עס שפירט זיך אין גן עדן, און איך ווייס נישט וויאזוי עס וועט זיין אין גן עדן, אבער איך וויל דער טעם וואס מען שפירט ווען מען רעדט צום אייבערשטן - דאס זאל זיין מיין גן עדן!"...

## שמועסן אין שול

קעד) דער ראש ישיבה שליט"א האט פארדינגען זיצן אין בית המדרש, איינער פון די מתפללים וואס האט געדינגען א זיץ האט אנגעוויזן פאר'ן ראש ישיבה שליט"א וואו ער וויל זיצן, נעבן זיין חבר, האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "אין שול ווילסטו זיצן נעבן דיין חבר??! אין שול זאלסטו אויפזוכן דעם מענטש מיט וועם דו רעדסט נישט א גאנץ יאר, נעבן אים זאלסטו זיך זעצן. אין

שול קומט מען נישט צו שמועסן און פארברענגען, אין שול קומט מען צו דאווענען צום אייבערשטן!".

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א צוגעלייגט: "מיר זענען יעצט מקדש א נייער בית החיים אין שטעטל 'קרית ברסלב ליבערטי', באלד וועט מען אנהייבן פארקויפן 'חלקות', וועסטו נעמען א חלקה נעבן דיין נאנטסטן חבר... אבער אין בית המדרש קומט מען נישט צו חברים, אין בית המדרש קומט מען נאר צום אייבערשטן".

## די בעסטע עצה

קעה) דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: "עטליכע אינגעלייט תלמידים פון מוהרא"ש האבן זיך אויסגערעדט איינער צום אנדערן איבער זייער שווערער מצב הפרנסה, ביז זיי האבן צווישן זיך אפגעמאכט זיי וועלן ארייגפארן צו מוהרא"ש (זיי האבן געוואוינט אין א צווייטע שטאט) און בעטן אן עצה.

אזוי האבן זיי געטון. ווען זיי זענען אריינגעקומען צו מוהרא"ש האט זיי מוהרא"ש געפרעגט: "צוליב וואס זענט איר געקומען"? האבן זיי זיך אויסגערעדט צו מוהרא"ש איבער זייער שווערער מצב הפרנסה, ווי זיי האבן ממש נישט אפאר דאלער צו איינקויפן אויף שבת וכו', האט זיך מוהרא"ש אנגערופן צו זיי: "איך האב פאר אייך אן עצה, דער רבי זאגט: וואס מען דארף, סיי א גרויסע זאך און סיי א קליינע זאך זאל מען בעטן פונעם אייבערשטן, אז עס פעלט אייך פרנסה, איר האט ממש נישט קיין געלט צו אהיימברענגען פאר די ווייב, זאלט איר בעטן דעם אייבערשטן ביז דער אייבערשטער וועט אייך העלפן".

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: "דאס האבן זיי זיך נישט געקענט אויסמאלן, אז די עצה וואס מוהרא"ש וועט זיי געבן, איז

דער זעלבער עצה וואס מוהרא"ש חזר'ט שטענדיג ביי די שיעורים, עס גייט נישט דורך קיין איין שיעור וואס מוהרא"ש זאל נישט רעדן פון בעטן דעם אייבערשטן, און דא קומען זיי בעטן אן עצה פאר פרנסה געבט זיי מוהרא"ש דעם זעלבן עצה"...

## שמירת עיניים

קעו) דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: "צו האבן שמירת עיניים אין גאס דארף מען זיך נישט איינבייגן דעם גאנצן גוף, דעם קאפ האלט מען גלייך און די אויגן קוקן אויף אראפ".

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: "אין די געגנט וואו איך וואוין, וואוינען די נידריגסטע גוים, זיי גייען אלץ שפאצירן מיט זייערע הינט, ווען די הינט לאזן אראפ שמוץ וכו' וכו' על פי רוב הייבן זיי דאס נישט אויף, די גאסן אין דעם געגנט ווערן זייער פארשמירט; ווערט דארט מקוים וואס דער רבי זאגט[א]: "מי שעוצם עיניו מראות ברע על ידי זה ניצול מבזיונות", ווער עס היט נישט זיינע אויגן - אנשטאט אראפקוקן קוקט ער ארום אין גאס - באקומט גלייך אן עונש, ער טרעט אריין אין שמוץ וכו' און ער ווערט גלייך פארשעמט"...

[א] ספר המידות, ניאוף ב, יד